# דער מאָדערנער בעפרייער

מיט דעם צויבער־שטעקען פון וויסענשאפט וועט דער מאָדערנער נביא שפּאַלטען דעם
ים אַל־דאָס־בייז און וועט דאָס אַרבייטער־פּאָלק אַריינפיהרען אין ארץ זבת חלב ודבש,
אין לאַנד פון עקאָנאָמישער פרייהייט.




With the magic wand of Science

# Sholem Aleichem (1859-1906/1914-1916)

## SHLOF, MAYN KIND

## שלאָף, מײַן קינד

### Sleep, My Child

שלאָף מײַן קינד, מײַן טרייסט, מײַן שיינער,
שלאָף זשע, ליו-ליו-ליו!
שלאָף מײַן לעבן, מײַן קדיש איינער,
שלאָף זשע, זונעניו.

בײַ דײַן וויגל זיצט דײַן מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט,
וועסט אַ מאָל פֿאַרשטיין מסתּמא
וואָס זי האָט געמיינט.

אין אַמעריקע איז דער טאַטע
דײַנער, זונעניו,
דו ביסט נאָך אַ קינד לעת-עתּה,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו-ליו!

דאָס אַמעריקע איז פֿאַר יעדן,
זאָגט מען, גאָר אַ גליק,
און פֿאַר ייִדן אַ גן-עדן,
עפּעס אַן אַנטיק.

דאָרטן עסט מען אין דער וואָכן
חלה, זונעניו,
יײַכעלעך וועל איך דיר קאָכן,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו-ליו.

ער וועט שיקן צוואַנציק דאָלער,
זײַן פּאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבן זאָל ער,
אונדז אַהינצוצו.

ביז עס קומט דאָס גוטע קוויטל,
שלאָף זשע, זונעניו,
שלאָפֿן איז אַ טײַער מיטל,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו-ליו.

Shlof mayn kind, mayn treyst, mayn sheyner,
Shlof zhe, lyu-lyu-lyu!
Shlof mayn lebn, mayn kadish eyner,
Shlof zhe, zunenyu.

Bay dayn vigl zitst dayn mame,
Zingt a lid un veynt.
Vest a mol farshteyn mistame
Vos zi hot gemeynt.

In amerike iz der tate
Dayner zunenyu,
Du bist nokh a kind lesate,
Shlof zhe, shlof, lyu-lyu;

Dos amerike iz far yedn,
Zogt men, gor a glik,
Un far yidn a gan-eydn,
Epes an antik.

Dortn est men in der vokhn
Khale, zunenyu,
Yaykhelekh vel ikh dir kokhn,
Shlof zhe, shlof, lyu-lyu.

Er vet shikn tsvantsik doler,
Zayn portret dertsu,
Un vet nemen, lebn zol er,
Undz ahintsutsu.

Biz es kumt dos gute kvitl,
Shlof zhe, zunenyu.
Shlofn iz a tayer mitl,
Shlof zhe, shlof, lyu-lyu.

Sleep my child, my comfort and beauty,
Hush and go to sleep.
Sleep my life, my only *kadesh.*
Sleep, my little son.

At your cradle sits your mama,
Sings a song and weeps.
Someday, you may know the reason
And what was on her mind.

Your daddy's in America
Little son of mine,
But you are just a child now
So hush and go to sleep.

America is for everyone,
They say, the greatest piece of luck,
For Jews, it's a garden of Eden,
A rare and precious place.

People there eat *khale* in the middle of the week,
Little son of mine,
I'll cook chicken broth for you—
So hush and go to sleep.

Dad will send us twenty dollars
And his picture, too,
And he'll send for us, God bless him,
And bring us there to him.

But till it comes, the magic letter,
Hush, and go to sleep,
Sleep is a precious cure,
So hush and go to sleep.

This is another poem by the great Yiddish writer, Sholom Aleichem (see *Ikh Vil Nit Geyn In Kheyder*, on page 12); published in 1892. Music is by David Kovanovsky. The text was included in the first major collection of Yiddish folk songs, compiled by S. Ginzburg and P. Marek, in 1901, as an anonymous folk song, and has enjoyed enduring popularity.

Morris Rosenfeld מאָריס ראָזענפעלד

**Poem written in 1887 by Morris Rosenfeld (1862-1923), the poet of the sweat shop. This is one of the most popular songs about immigrant life in America. Morris Rosenfeld's poems, which Upton Sinclair called "the genuine voice of the sweat shop workers," (*The Cry for Justice*, 1915) were the first Yiddish poems to be translated into English and other languages.**

איך האָב אַ קליינעם ייִנגעלע,
אַ זונעלע גאָר פֿײַן!
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מײַן.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מײַן שיינעם, ווען ער וואַכט,
איך טרעף אים אימער שלאָפֿנדיק,
איך זע אים נאָר בײַ נאַכט.

די אַרבעט טרײַבט מיך פֿרי אַרויס,
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אַ פֿרעמד איז מיר מײַן אייגן לײַב,
אַ פֿרעמד מײַן קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פֿינצטערניש געהילט —
מײַן בלייכע פֿרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פֿײַן דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פֿרעגט:
— אַ מאַמע, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר,
מײַן גוטער, גוטער פּאַ?

איך שטיי בײַ זײַן געלעגערל
און זע, און הער און שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
— אַ ווּ איז, ווּ איז פּאַ?

איך קוש די בלויע אייגעלעך;
זיי עפֿענען זיך — אָ, קינד!
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

איך בלײַב צעווייטאָגט און צעקלעמט,
פֿאַרביטערט און איך קלער:
ווען דו דערוואַכסט אַ מאָל, מײַן קינד,
געפֿינסטו מיך ניט מער...

## MY LITTLE SON

I have a son, a little son,
a youngster very fine!
and when I look at him I feel
that all the world is mine.

But seldom do I see him when
he's wide awake and bright.
I always find him sound asleep;
I see him late at night.

The time clock drags me off at dawn;
at night it lets me go.
I hardly know my flesh and blood;
his eyes I hardly know . . . .

I climb the staircase wearily:
a figure wrapped in shade.
Each night my haggard wife describes
how well the youngster played;

how sweetly he's begun to talk;
how cleverly he said,
"When will my daddy come and leave
a penny near my bed?"

I listen, and I rush inside—
it must—yes, it must be!
My father-love begins to burn:
my child must look at me! . . .

I stand beside the little bed
and watch my sleeping son,
when hush! a dream bestirs his mouth:
"Where has my daddy gone?"

I touch his eyelids with my lips.
The blue eyes open then:
they look at me! they look at me!
and quickly shut again.

"Your daddy's right beside you, dear.
Here, here's a penny, son!"
A dream bestirs his little mouth:
"Where has my daddy gone?"

I watch him, wounded and depressed
by thoughts I cannot bear:
"One morning, when you wake—my child—
you'll find that I'm not here."






## My Resting Place

Text by Morris Rosenfeld (1862-1923). (See note to *Mayn Yingele*, on page 148.)

Nit zukh mikh, vu di mirtn grinen!
Gefinst mikh dortn nit, mayn shats;
Vu lebns velkn bay mashinen,
Dortn iz mayn rue-plats.

Nit zukh mikh, vu di feygl zingen!
Gefinst mikh dortn nit, mayn shats;
A shklaf bin ikh, vu keytn klingen,
Dortn iz mayn rue-plats.

Nit zukh mikh, vu fontanen shpritsn!
Gefinst mikh dortn nit, mayn shats;
Vu trern rinen, tseyner kritsn,
Dortn iz mayn rue-plats.

Un libstu mikh mit varer libe,
To kum tsu mir, mayn guter shats;
Un hayter oyf mayn harts dos tribe,
Un makh mir zis mayn rue-plats.

ניט זוך מיך, װוּ די מירטן גרינען!
געפֿינסט מיך דאָרטן ניט, מײַן שאַץ;
װוּ לעבנס װעלקן בײַ מאַשינען,
דאָרטן איז מײַן רוע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך װוּ די פֿייגל זינגען!
געפֿינסט מיך דאָרטן ניט, מײַן שאַץ;
אַ שקלאַף בין איך, װוּ קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מײַן רוע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, װוּ פֿאָנטאַנען שפּריצן!
געפֿינסט מיך דאָרטן ניט, מײַן שאַץ;
װוּ טרערן רינען, ציינער קריצן,
דאָרטן איז מײַן רוע־פּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט װאַרער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מײַן גוטער שאַץ;
און הײַטער אויף מײַן האַרץ דאָס טריבע,
און מאַך מיר זיס מײַן רוע־פּלאַץ.

## MY PLACE

Look for me not where myrtles green!
Not there, my darling, shall I be.
Where lives are lost at the machine,
that's the only place for me.

Look for me not where robins sing!
Not there, my darling, shall I be.
I am a slave where fetters ring,
that's the only place for me.

Look for me not where fountains splash!
Not there, my darling, shall I be.
Where tears are shed, where teeth are gnashed,
that's the only place for me.

And if your love for me is true,
then at my side you'll always be,
and make my sad heart sing anew,
and make my place seem sweet to me.

*Aaron Kramer*

# The Future

Words by Morris Winchefsky (1856–1932), pen name of Lipe Bentsion Novochovitch. The song is sung in a recent play *A sheyne meydl* (A Pretty Girl), dealing with the Holocaust, which was presented at numerous colleges. At the end of a TV retrospective on the work of artist Yosl Bergner, he plays this melody on his harmonica.

pure Germanic

אָ, די וועלט וועט ווערן ייִנגער,
און דאָס לעבן לײַכטער, גרינגער,
יעדער קלאָגער וועט אַ זינגער
ווערן, ברידער, באַלד!
לאָז דאָס פֿאָלק נאָר ווערן קליגער,
און פֿאַריאָגן דעם באַטריגער,
אים, דעם פֿוקס, און אויך דעם טיגער
פֿון זײַן שיינעם וואַלד.

agency, action
Animal fable

אָ, די וועלט וועט ווערן שענער,
ליבע גרעסער, שׂינאה קלענער,
צווישן פֿרויען, צווישן מענער,
צווישן לאַנד און לאַנד;
אָ, די וועלט וועט ווערן פֿרײַער,
פֿרײַער, שענער, ייִנגער, נײַער,
און אין איר די וואָרהײַט טײַער,
טײַער ווי אַ פֿרײַנד.

אָ, די וועלט וועט ווערן דרייסטער
און עס וועט ניט זײַן אַ מײַסטער,
ניט די קרוין און ניט דער טײַסטער, -
ניט דעם זעלנערס שווערד.
אַלזאָ מוטיק אין די רייען,
אין די רייען, צו באַפֿרײַען,
צו באַפֿרײַען און באַנײַען
אונדזער אַלטע וועלט!

same rhyme in "Grus fun di trenches"

O, di velt vet vern yinger,
Un dos lebn laykhter, gringer,
Yeder kloger vet a zinger
Vern, brider, bald!
Loz dos folk nor vern kliger,
Un faryogn dem batriger,
Im, dem fuks, un oykh dem tiger
Fun zayn sheynem vald.

O, di velt vet vern shener,
Libe greser, sine klener,
Tsvishn froyen, tsvishn mener,
Tsvishn land un land;
O, di velt vet vern frayer,
Frayer, shener, yinger, nayer,
Un in ir di varheyt tayer,
Tayer vi a fraynd.

O, di velt vet vern dreyster
Un es vet nit zayn a mayster,
Nit di kroyn un nit der tayster, -
Nit dem zelners shverd.
Alzo mutik in di reyen,
In di reyen, tsu bafrayen,
Tsu bafrayen un banayen
Undzer alte velt!

Oh, the world will become more beautiful!
Love will grow and hatred wane
Among women, among men,
Among nations.

Oh, the world will become younger!
And life, lighter and easier.
Every complainer turns singer,
Soon all become brothers.

So courage in the ranks,
In the ranks of liberation!
To liberate and renew
Our aging world.



David Edelstadt (1866-1892)

## In Struggle

ABAB
stately amphibrachs
pure Germanic

**One of the most popular worker songs written in America in 1889 by the labor poet David Edelstadt (1866-1892). The song became the beloved hymn of Jewish workers everywhere. It was absorbed into Yiddish folk song, and later was sung in the Yiddish schools. A year after it was published a contemporary poet, Morris Rosenfeld, mentioned it in one of his poems: "Sing us the song 'In Kamf'–Let the *Marseillaise* thunder."**

Rudolf Rocker described a memorable experience in London: "It was the day in which thousands of Jewish workers marched in thick ranks to Hyde Park, where a mammoth protest demonstration was to take place against the horrible pogrom of the Jews in Kishinev (in 1903). As we marched through the city streets, thousands gazed in mute surprise upon the strange procession . . . When the mass singing of Edelstadt's *In Kamf* was heard, the onlookers became very solemn and took off their hats to the marchers."

not because we're Jews

We are hated and driven,
We are tormented and persecuted,
All because we love
The poor and suffering people.

We are shot down and hanged,
Robbed of life and rights,
Because we constantly demand
Freedom for suffering slaves.

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פֿאַרפֿאָלגט;
און אַלץ נאָר דערפֿאַר ווײַל מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פֿאָלק.

מיר ווערן דערשאָסן, געהאָנגען,
מען רויבט אונדז דאָס לעבן און רעכט;
דערפֿאַר ווײַל מיר אמת פֿאַרלאַנגען
און פֿרײַהייט פֿאַר אָרעמע קנעכט. H

Original: 5 stanzas long

*Mayn Tsavoe* is another song by David Edelstadt (see *In Kamf*, page 80, *Vakht Oyf*, page 92) that enjoyed extraordinary popularity among Jews the world over. Parts of it were also transformed into Yiddish folk songs. The first stanza was frequently quoted by Yiddish authors, among them, H. Leivick in his *Balade fun denver-sanatorium* (1937), in which the spirit of Edelstadt is also invoked.

Another Yiddish poet, Abraham Reisen, wrote earlier: "Here in Russia Edelstadt is spoken of with reverence. There are even various legends spreading about his life, and workers speak of him and sing his songs with tears in their eyes."

Good friends, when I die,
To my grave our banner bear–
The red flag of freedom,
Spattered with the blood of workers.

missing stanza

And in my grave I will hear
My freedom song, my struggle song:
And even there will I shed tears
For the enslaved Gentile and Jew.

And when I hear the swords ringing,
In the last struggle of blood and pain,
I'll sing to the people from my grave
And bring spirit to its heart.

אָ גוטע פֿרײַנד, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מײַן קבֿר אונדזער פֿאָן,
די פֿרײַע פֿאָן, מיט רויטע פֿאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פֿון אַרבעטסמאַן.

און דאָרט, אונטער דעם פֿאָן דעם רויטן,
זינגט מיר מײַן ליד, מײַן פֿרײַע ליד!
מײַן ליד „אין קאַמף" וואָס קלינגט ווי קייטן
פֿון דעם פֿאַרשקלאַפֿטן קריסט און ייִד.

אויך אין מײַן קבֿר וועל איך הערן
מײַן פֿרײַע ליד, מײַן שטורעמליד,
אויך דאָרט וועל איך פֿאַרגיסן טרערן
פֿאַר דעם פֿאַרשקלאַפֿטן קריסט און ייִד.

און ווען איך הער די שווערדן קלינגען
אין לעצטן קאַמף פֿון בלוט און שמאַרץ,
צום פֿאָלק וועל איך פֿון קבֿר זינגען
און וועל באַגײַסטערן זײַן האַרץ. H

O gute fraynd, ven ikh vel shtarbn,
Trogt tsu mayn keyver undzer fon,
Di fraye fon, mit royte farbn,
Bashpritst mit blut fun arbetsman.

Un dort, unter dem fon dem roytn,
Zingt mir mayn lid, mayn fraye lid!
Mayn lid "in kamf" vos klingt vi keytn
Fun dem farshklaftn krist un yid.

Oykh in mayn keyver vel ikh hern
Mayn fraye lid, mayn shturem-lid,
Oykh dort vel ikh fargisn trern
Far dem farshklaftn krist un yid.

Un ven ikh her di shverdn klingen
In letstn kamf fun blut un shmarts,
Tsum folk vel ikh fun keyver zingen
Un vel bagaystern zayn harts.

A BRIVELE DER MAMEN

א בריוועלע דער מאמען

### A Letter to Mother

Theatrical structure

This song, text and music by S. Shmulewitz (1868-1943) was one of the most beloved songs of the immigration era on both sides of the Atlantic.

Recitatif solo

H

Mayn kind, mayn treyst, du forst avek,
Ze zay a zun a guter,
Dikh bet mit trern un mit shrek
Dayn traye libe muter.
Du forst, mayn kind, mayn eyntsik kind,
Ariber vayte yamen;
Akh kum ahin nor frish gezunt
Un nit farges dayn mamen.
Yo! for gezunt un kum mit glik.
Ze yede vokh a brivl shik,
Dayn mames harts, mayn kind, derkvik.

מײַן קינד, מײַן טרייסט, דו פֿאָרסט אַוועק,
זע, זײַ אַ זון אַ גוטער,
דיך בעט מיט טרערן און מיט שרעק
דײַן טרײַע ליבע מוטער.
דו פֿאָרסט, מײַן קינד, מײַן איינציק קינד,
אַריבער ווײַטע ימען;
אַך קום אַהין נאָר פֿריש געזונט
און ניט פֿאַרגעס דײַן מאַמען.
יאָ ! פֿאָר געזונט און קום מיט גליק,
זע יעדע וואָך אַ בריוול שיק,
דײַן מאַמעס האַרץ, מײַן קינד, דערקוויק.

internal rhymes – badkhn legacy

catchy singalong refrain

A brivele der mamen
Zolstu nit farzamen,
Shrayb geshvind, libes kind,
Shenk ir di nekhome.
Di mame vet dayn brivele lezn
Un zi vet genezn,
Heylst ir shmarts, ir biter harts,
Derkvikst ir di neshome.

אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו ניט פֿאַרזאַמען,
שרײַב געשווינד ליבעס קינד,
שענק איר די נחמה.
די מאַמע וועט דײַן בריוועלע לייענען
און זי וועט גענעזן,
היילסט איר שמאַרץ, איר ביטער האַרץ,
דערקוויקסט איר די נשמה.

H

My child, my comfort, you are going across distant seas. Arrive in good health and write each week to ease your mother's worries. Write a letter soon, my child. Your mother will read your letter and be comforted. Ease her pain, her bitter heart, refresh her spirit.

DI GRINE KUZINE

די גרינע קוזינע

### My Green Cousin

This song (text by J. Leiserowitz, music, A. Schwartz) was one of the most popular songs of immigrant life in America. This version was published by Chane Mlotek in 1954.

A pretty cousin came to me. Her cheeks were like red oranges, her feet just begging for a dance, her air was gay and lively. This is how my cousin looked when she was still "green." Praised be the golden land! Many years passed and my cousin became worn-out at her job. Below her pretty blue eyes she now has black lines. And her cheeks, once like red oranges, have lost their glow. Today when I meet my cousin and ask: "How are you, green one?" she answers: "May the blazes take Columbus' land!"

DI GRINEH KUZINE by Hyman Prizant and Abe Schwartz
Copyright © 1922 by Joneil Music Co., Carlstadt, N.J. 07072
Copyright Renewed International Copyright Secured
All Rights Reserved Used by Permission

Es iz tsu mir gekumen a kuzine
Sheyn vi gold iz zi geven, di grine,
Di bekelekh vi royte pomerantsn,
Fiselekh vos betn zikh tsum tantsn.

Nit gegangen iz zi – nor geshprungen,
Nit geredt hot zi, nor gezungen;
Freylekh, lustik iz geven ir mine.
Ot aza geven iz mayn kuzine.

Ikh bin arayn tsu mayn "nekst-dorke"
Vos zi hot a "milineri-storke",
A "dzhab" gekrogn hob ikh far mayn kuzine–
Az lebn zol di goldene medine!

Avek zaynen fun demolt on shoyn yorn,
Fun mayn kuzine iz a tel gevorn;
"Peydes" yorn lang hot zi geklibn,
Biz fun ir aleyn iz nisht geblibn.

Unter ire bloye sheyne oygn
Shvartse pasn hobn zikh fartsoygn;
Di bekelekh, di royte pomerantsn,
Hobn zikh shoyn oysgegrint in gantsn.

Haynt, az ikh bagegn mayn kuzine
Un ikh freg zi: Vos zhe makhstu, grine?
Entfert zi mir mit a krumer mine:
–Az brenen zol Kolombuses medine!

עס איז צו מיר געקומען אַ קוזינע
שיין ווי גאָלד איז זי געווען, די גרינע,
די בעקעלעך ווי רויטע פּאָמעראַנצן,
פֿיסעלעך וואָס בעטן זיך צום טאַנצן.

ניט געגאַנגען איז זי — נאָר געשפּרונגען,
ניט גערעדט האָט זי, נאָר געזונגען,
פֿריילעך, לוסטיק איז געווען איר מינע,
אָט אַזאַ געווען איז מײַן קוזינע.

איך בין אַרײַן צו מײַן „נעקסט־דאָרקע"
וואָס זי האָט אַ „מילינערי־סטאָרקע",
אַ „דזשאָב" געקראָגן האָב איך פֿאַר מײַן קוזינע,
אַז לעבן זאָל די גאָלדענע מדינה!

אַוועק זײַנען פֿון דעמאָלט אָן שוין יאָרן,
פֿון מײַן קוזינע איז אַ תּל געוואָרן,
„פּיידעס" יאָרן לאַנג האָט זי געקליבן,
ביז פֿון איר אַליין איז נישט געבליבן.

אונטער אירע בלויע שיינע אויגן
שוואַרצע פּאַסן האָבן זיך פֿאַרצויגן,
די בעקעלעך, די רויטע פּאָמעראַנצן,
האָבן זיך שוין אויסגעגרינט אין גאַנצן.

הײַנט, אַז איך באַגעגן מײַן קוזינע
און איך פֿרעג זי: — וואָס זשע מאַכסטו, גרינע?
ענטפֿערט זי מיר מיט אַ קרומער מינע:
— אַז ברענען זאָל קאָלאָמבוסעס מדינה!



LEVIN MIT ZAYN "FLYING" MASHIN

לעווין מיט זײַן „פֿלײַנג מאַשין"

## Levine and His Flying Machine

In 1927 Charles A. Levine, an American Jew, flew with pilot Clarence Chamberlin across the Atlantic to land outside Berlin, thus beating Charles Lindbergh's distance record. A number of songs acknowledging this feat were published, at least two in Yiddish.

This song is in Yiddish and English. Yiddish words by Joseph Tanzman, English words by Saul Bernie, music by Sam Coslow. Published in sheet music by Spier and Coslow, Inc., 1927. The English words of the refrain are:

"Levine! Levine!/ You're the hero of your race,/ Levine, Levine,/ You're the greatest Hebrew ace./ We got a thrill when Chamberlin flew,/ But you were right there too,/ We're proud of you!/ Levine, Levine,/ Just an ordinary name,/ But you brought it everlasting fame,/ We welcome you home/ From over the foam./ Levine with your Flying Machine! Words of the song appear in Mark Slobin's *Tenement Songs*. It was introduced by Henry Saposnik on the *Kapelye* record. The song was revived in the musical *The Golden Land*.

Es flien heldn iber groyse yamen,
Un men zingt fun zey gor umetim*,
Nor eyn yidn darf men nit farzamen
Zingen loyb-gezangen vegn im.

Azoy iz oykh in ale ~~visnshaftn~~, vitsn, shatsn
Vu an oyftu, dortn iz a yid,
Say in khokhme, say in groyse kreftn,
Iberal iz er bald in der mit.

**Refrain:**
Levin! Levin!
Bist der held yetst fun yisrol!
Levin! Levin!
Vi di oves fun amol!
Ven Tshemberlin iz ongekumen dort,
Bistu geven mit im
Bald oyfn ort.
Levin! Levin!
Nit geklert un nit getrakht,
Hostu dayn nomen groys gemakht.
Un brokhes on tsol
Vintsht dir dayn yisrol,
Levin mit dayn "flaying mashin"**

עס פֿליִען העלדן איבער גרויסע ימען,
און מען זינגט פֿון זיי גאָר אומעטים (אומעטום),
נאָר איין ייִדן דאַרף מען ניט פֿאַרזאַמען
זינגען לויב-געזאַנגען וועגן אים.

אַזוי איז אויך אין אַלע ~~וויסנשאַפֿטן~~, וויצן, שאַצן
ווּ אַן אויפֿטו, דאָרטן איז אַ ייִד.
סײַ אין חכמה, סײַ אין גרויסע קרעפֿטן,
איבער אַל איז ער באַלד אין דער מיט.

**רעפֿריין:**
לעווין! לעווין!
ביסט דער העלד יעצט פֿון ישׂראל!
לעווין! לעווין!
ווי די אָבֿות פֿון אַ מאָל!
ווען טשעמבערלין איז אָנגעקומען דאָרט,
ביסטו געווען מיט אים
באַלד אויפֿן אָרט.
לעווין, לעווין,
ניט געקלערט און ניט געטראַכט,
האָסטו דײַן נאָמען גרויס געמאַכט.
און ברכות אָן צאָל
ווינטשט דיר דײַן ישׂראל,
לעווין מיט דײַן „פֿלײַינג מאַשין!"

---

* umetum
** flying machine

Heroes fly over great oceans and people sing about them everywhere, but we shouldn't delay singing songs of praise to a certain Jew. That's how it is in all ~~sciences~~: Wherever there's an accomplishment, there there is a Jew. Both in wisdom and in great strength, everywhere he is right in the middle. Ah jokes

Levine, Levine! You are now the hero of Israel. Levine, Levine! Like our ancestors of long ago. When Chamberlin arrived there, you were with him right there. Levine, Levine! You didn't think about it—you made your name famous. And countless blessings are wished you by your Israel—Levine with your flying machine.